Dup

העפטל 9 3 פעניס

# לכבוד פסח

א. נ. שטענצל

לאָנדאָן־ווייטשעפּל אַפּריל, 1941

---

## פּסח־צייט

(די דריי באַלאַדן צום היי־יאָריקן פּסח פאַר די יידן אין פּוילן)

די גאַנצע וועלט אונטער די פליגל צו נעמען
איז דאָס ערשטע געקריי פון די העגער אינדערפרי,
און ערשט די וואַרעמקייט, די גלוסטיק־צעמריטשעטע,
פון די אָפענע שטעלעכלעך ביים מעלקן די קי.

פולע גאַרשטן זאַמד, פרישן אויסגעגראָבענעם,
שיט אויפגייענדיקע זון איבער גאַנצן הויף;
ווי שלוהדיק־מנוחהדיק, ווי יום־טובדיק,
עס ציט זיך קוימענדל־רויך צום הימל אַרויף.

די שמעלצנדיקע פרייד, די איבערשוימענדיקע,
פון די קריעה־שטיקער איבער יאָגנדיקן טייך,
דער בלויער הימל צנועות'דיק פאַרשלייערט,
ווי ער לייטערט זיך דאָס און שפּיגלט זיך צוגלייך.

אַזוי אָטעמדיק צעדאַמפּט, אַזוי אָפּגעדעקט נאָנט,
צעכראַסטעט־תאוהדיק די צעאַקערטע ערד,
נאָר אַזוי טרויעריק צעצלמט, אַזוי סמוטנע,
ווערט עס אין אים ביים פאַיען דאָס געבליבענע פערד.

וואָס אים בלויער הימל נאָך, וואָס צעאַקערט פעלד — — —
ער אַליין אַזאַ קריעה איבער שוימיקן טייך!
איטשיזנע מאַי! ערגעץ מיט דיר אָנצוקומען
כאָטש צוזאַם מיט געקוילעטע יידן צוגלייך —

יעדן טאָג איצט קומען צענדליקע אָנגעשווימען
מיטן איבערפליסנדיקן סטאַווידלע געפלייץ!
און ער — וואָס איז ער דען נאָך מער דאָ אַצינד,
אַ פאַראָבעק פאַר שטאַל, פאַר בייטש און פאַר לייץ.

נישט כאָגעדיק קלינגט עס פון קלויסטערל אַריין,
ס'ווערט ווידער מסתמא אַ פויער איצט אויפגעהענגט!
ווי אַ געקוילעטער ייד פאַר אַ בלוט־בילבול
ליגט ס'גאַנצע דאָרף האַיאָר פון טייך אַרויסגעשווענקט — — — —

פאַריאָר, ווען די קרעטשמערקע איז אָנגעקומען
און אין שטאַל דאָ איר געקוילעטן מאַן דערקענט — —
גאָזשיע מאַי ! פון פּחד, פון איבערפאַלענעם,
פאַלט דער עמער וואַסער אַרויס אים פון דער האַנט —

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

דאָס שטויב־געפלימער אין שפּאַלט פון אָפענער טיר,
ווי דרויסן די זון ז׳וואַלט מיטגעציטערט פון שרעק,
און איבער זיין צעצלמט, זיין פינסטער פּנים
פון פערדישן נאַסן צונג אַזאַ סמוטנע געלעק.

פול מיט צעצאַפּלטן פליגל־געפּאַך ס׳איז דער שטאַל —
פון אַ לייגנדיקע קוואָקע צום לייטערל צו — —
ניין, נישט דער הייליקער גייסט פלאַטערט איבער קאָפּ,
ס׳איז דעם קרעטשמערש׳ס נשמה וואָס געפינט נישט קיין רו.

## דער מצה קויבער

אין אַלע יום־טוב׳דיקע שטובן אַריין מ׳האָט געברענגט
אין אַ פרישן צושמעקטן, אין אַ געפלאָכטענעם קויבער,
מיט׳ן ריח פון דער ברוין־אויסגעבאַקענער מצה,
יענעם גאָלדיק־וווּנדערליכן, יענעם זון־געשטויבער.

די ריינקייט פון ווייסן, פון איבערגעדעקטן טישטוך — —
מיט זיינע ריטלאַך דער קויבער ער צעבליט אין ווינקעל !
איז עס נישט פון אַ געשייערטע מצה־שיסל אויף וואַנט
פון אויפגייענדיקער זון דאָס שאַריענדיקע געפינקעל ?

אפילו די בייזע, די בלוט־בלבול שרעקן פון תמיד,
אַזוי אימה׳דיק אין לופטן זיך אַרומגעטראָגן ! —
דעם זיסן ציטער נאָר שאַרפער זיי האָבן געמאַכט
פון יענע צוויט־צעשמעקטע, יענע צאַרטע פאַרטאָגן.

אָ, וואָס זייַנען שוין פון ערשטע שוואַלבן דאָס אָנקומען,
און די בלויע ווינטלאַך פון ערגעץ־ווו אָנגעיאָגטע,
אַנטקעגן יענעם יום־טוב׳דיקן, יענעם אויפפלאַטערן,
פון יונגע הערצלאַך ערב־פּסח׳דיק אויפגעטאָגטע ?

נישט אָפענע ערד, צעאַקערטע, פריש־פאַרזייטע, — —
נישט צעשפּריצטע רעדער פון מאָלענדיקע וואַסער־מילן —
אָ, טויזענדער פריידן פון דעם אַלעם צוזאַמען
מיט דעם אַריינגעברענגטן קאָרב, טרערנדיק צו דערפילן.

דער גאַנצער אָרום אַ דורכזיכטיקער־צופינקעלטער,
פון פלייצנדיקן טייך דרויסן אָקאָרשט אַרויסגענומען ! —



אַ גע׳טובל׳טע כּוסה אַזאַ, מיט ווייַן אָנצופילען,
פאַר אליהו׳ן, ווען ער וועט צום סדר אַריינקומען —

— — — — — — — — — —

היי־יאָר אָבער אין אַלע עלענדע יידישע שטובן
ר׳איז שוין דאָ מיט׳ן ערב־פּסח׳דיקן מאָרגן־שטערן !
אָט שטייט ער אַזוי אין יעדן פאַרפינסטערטן ווינקל
איבער זיינע אַקסלען דעם מצה־קויבער דעם שווערן.

אומגעלומפּערט־צעשאָטנט, אָבהענטיק־פאַרשוויגן,
דעם טרייסט־ציטער פון זיינע ליפּן מיט די וואָנסעס פאַרביסן,
אין זיין טונקל־גרויער באָרד אַריין זיינע טרערן,
די ליידיקע כּוסות צום סדר היי־יאָר אָנצוגיסן.

אָבער וואָס שוין אויסגעבאַקענע מצה פון אויוון אַרויס,
אַנטקעגן די־אָ, אין עלענדע שטובן געברענגט געטראָגן !
ווי ער שטייט דאָס געוואַלטיק אַזוי, צעוואַקסן אַזוי,
אין ציטער פון בליטן און בלוטיקע פאַרטאָגן — —

ניין, דאָס קאָן קיינער נישט צונעמען, נישט צורויבען,
נישט בלוט־בלבול און נישט אָפענער בלוטיקער רויבער !
אַז די זון אויבן, אַזאַ יום־טוב׳דיקע געראָטענע,
אויפגעגאַנגען פון דעם פרישן צעשמעקטן מצה־קויבער.

## צו שפוך־חמתך

פאַרוואָס טוט מען דען דעם קיטל אָן,
פּסח אויף דער נאַכט צום סדר :
טאָמער קומען זיי מיט אַ בלבול אָן,
כאָטש גיין אָנגעטון אין טויטן־קליידער !

ס׳איז דאָך ביי זיי אַ מנהג אַזאַ,
אַ טויט־ממזר ביי יידן צו באַהאַלטן,
אַ מנהג־עכו״ם אַזאַ, אַן אַלטער !
טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי אים נישט האַלטן.

האַלטן מיר נישט אונזערע, להבדל ?
זיצן מיר נישט אַצינד דאָ ביים סדר ?
די ארבע כּוסות ווייַן אויסצוטריבקן,
זאָלן מיר נאָר זוכה זיין — — אײדער —

— — — — — — — — — —

אַזוי האָט געשעפּטשעט דער רב, דער אַלטער,
ווען ער האָט זיך צום שאַרפן מרור גענומען,
ווען אין דרויסן פאַר די פענסטער די רצחים,
מ׳האָט געהערט מיט ווילדע יללות אָנקומען.

ביטער איז געווען דער כזית מרור,
טרערן זיינען אים געשטאַנען אין די אויגן !
נאָר דער „בן עשה הלל" פון זיין מויל אַרויס
האָט מיט אַזאַ גוטער זיסקייט זיך געצויגן,

מיט אַזאַ ליכטיקייט פון זיין באָרד, זיין ווייסער,
מיט הייליקער פרייד פון זיין קלאָרן שטערן,
צעפונקלטע כוסות מיט יום־טוב׳דיקן וויין
זיינע איבערגייענדיקע אויגן מיט טרערן — — —

שוין רייסן זיי די לאָדנס פון די פענסטער דרויסן,
שוין ברעכן זיי דאָס טויער מיט אייזן שטאַנגען,
און צו „שפוך־חמתך" די טיר עפענען
ס׳איז דער רב, דער אַלטיטשקער, אַליין געגאַנגען :

אָ, וואָלט נאָר אַ הלל הזקן געווען,
דעם „ואהבת — — " פאַרטייטשן צו קענען !
וואָס זיינען זיי שולדיק, נעבעך, די גויים,
אַז פון רציחה זייערע הערצער פאַרברענען —

— — — — — — — — —

און ווען די רוצחים דרויסן, די פאַרשכורטע,
זיי האָבן אים געזען אין קיטל, אין ווייסן,
און דעם קלאָרן שמייכל אויף זיין שטערן, זיין הויכן,
אַ שרעק האָט זיי אָנגעגאָסן אין קאַלטע שווייסן —

אַ ממזר אַ מת, אַ הינקעדיק בלבול אַזאַ,
ס׳האָט יעדער פון זיי אין אַ לאָך זיך באַהאַלטן,
און שטאָט „שפוך חמתך" — „ואהבת לרעך"
ס׳האָבן געשעפטשעט די ליפן ביים רב, ביים אַלטן.

## אין פראגער אלט-שטאדט

(אַ פסח־באַלאַדע)

1

אין דער אַלט־שטאָדט אין פראַג, אינמיטן האַלבער נאַכט,
די צוועלף אַפּאָסטל זיינען שוין אויפ׳ן ראַט־הויז אַרויס,
דער הייליקער־שיין איבער זייערע קעפּ זעט די לבנה אויס !
און אויפ׳ן שוהל־בוידעם דער גולם ליגט פאַר׳תמ׳ט אויפגעוואַכט.

ווי ער וואָלט איינגעשלאָפן געווען אויפ׳ן העסע־בעט,
אין מיטן די כוסות אויף אַ פאַרגאָסענעם הגדה־בלאַט,
וועקט ער זיך איצט שלעפעריק געלעמט, ווי שכור׳לאַך מאַט,
מיט די דצ״ך עד״ש באח״ב, חלומ׳דיק־גולמ׳דיק צורעדט —



וואָלט ער פון שמות אַרויס געקאָנט אַרויסשטעקן דעם קאָפּ,
אפשר וואָלט ער אליהו הנביא׳ן דערבליקט ביי דער טיר !
אָ, וואָלט ער נאָר געקאָנט מיט׳ן קליינעם פינגער טון אַ ריר,
כאָטשבע ווי ביים אַרויסוואַרפן פון די כוסה אַ מכה־טראָפּ.

אונטערצוקלעפן אונטער זיין ליימיקער צונג דעם שם,
ווו איז ער, יענער גרויער ייד מיט׳ן שטערן אַזוי הויך ?
אָ, וואָלט ער נאָר דערשפירט איצט דעם אַמאָליק שטאַרקן כוח,
אַז ער זאָל די שווערע האַק אין זיינע אָרעמס געבן אַ נעם —

אין ארון־קודש אַ פלאַש בלוט מוז ערגעץ־ווו הינטן שטיין,
ער שפירט דאָך דעם ריח דערפון ביז אויבן דאָ אַרויף !
אַך, וואָלט ער דאָס געטון איצט איבער די גאַסן אַ לויף,
און קעפּ וואָלט זיך דאָס געקוילערט איבער שטיין, איבער ביין —

2

אויסגעלאָשן ליידיק ליגט הינטן די אַלט־שטאָדט, גאַס ביי גאַס,
אַ פינסטער בלוט־בלבול — יעדעס פאַרשוויגענע יידישע הויז !
פון שרעק און פון יסורים גייט יעדעס האַרץ דאָרטן אויס !
ווער ברויך דען אַ בלבול ביי אַזאַ אכזריות׳דיקן האָס ?

ווער ברויך נאָך אַ ממזר אין זאַק הינטער אַ יידישן פלאָט,
אַז ס׳זאָל זיך געבן אַ צעפּראַל די טיר יעטווידע מינוט,
מיט געוואַלט, מיט געהייל, מיט יללה־בהלה, מיט בלוט ?
„שפוך חמתך על הגוים" — אָ, דערבאַרמדיקער גאָט !

פאַרוואָס און פאַרווען און ווי לאַנג נאָך און ביז וואַן,
דאָס העצן, דאָס טרייבן, דער אייביקער אַהין און אַהער ?
אַז קיין כוחות אויסצוהאַלטן נישטאָ זיינען שוין מער —
צו יסורים און פרעניות איז דאָך אויך אַ שיעור פאַראַן :

כאָטש אונז אַלע אין איין זאַק אַזאַ לייג דאָך אונז אַריין,
אַ בלבול אַזאַ עס אונטער צו וואַרפן דער גאַנצער וועלט !
אַ האַרץ שוידערט דאָך אויף די אַרומיק מורא׳דיקע קעלט :
צו שלעכטקייט און צו שנאה מוז דאָך אויך אַ גרעניץ ווו זיין.

ווינדיק און ליידיק איז הינטן די אויסגעלאָשענע שטאָדט,
פאַרהאַקט און פאַרריגלט, טיר און טויער, אַלע לאָדנס פאַרמאַכט
אָ, וואָלט דער מהר״ל דאָ געווען איצט אין דער פינסטערער נאַכט !
„שפוך חמתך על הגוים" — אָ, דערבאַרעמדיקער גאָט.

3

און אַז אליהו הנביא קאָן נישט אַריין דורך דער טיר,
קומט ער דורך יעדן צעוויטיקטן אָפענעם האַרצן אַריין
און אַז אויפ׳ן טיש איז נישטאָ אפילו קיין טראָפּעלע וויין,
גיט ער מיט זיינע ליפן דאָס צושראָקענע האַרץ אַ באַריר —

— „בדמיך חיי” — — שעפטשען זיינע ליפן שטיל און קוים
און זיינע גוטע אויגן פולע בעכערס אין איבערגיין:
קיין צווייטאָגט האַרץ איז קיינמאָל נישט אַליין,
און אַ פּתרון איז פאַראַן צו יעדן הייליקן טרוים.

— „בדמיך חיי” — — שעפטשען זיינע ליפן קוים און שטיל:
דעם שם האָב איך מיט מיר מיט, און די האַק שטייט גרייט!
אָבער גאָט׳ס נאָמען אונטער גולם׳שע צונג האָט עס אַ באַדייט?
שאַרפע האַק איז דאָך נישט דאָס, וואָס זיין הייליקער נאָמען וויל.

— „בדמיך חיי” — פאַר יעדן בחינם פאַרגאָסענעם טראָפּ,
ס׳ווערט נאָר געהייליקט ריינער און לויטערער דאָס בלוט — —
אָ, דאָס־אָ, וואָס איך זאָג איצט, ווי ווייי עס טוט — —
צו גאָט׳ס פיס אַ בלבול כאָטש אונטערוואַרפן מיין אייגענעם קאָפּ.

— — — — — — — — — —

אין דער אַלט־שטאָדט אין פּראַג, שפּעט, נאָך האַלבער נאַכט,
די צוועלף אַפּאָסטל זיינען שוין אין ראַט־הויז צוריק אַריין,
און פון די יידישע הייזער דאָרט אַזאַ געוואַלטיק געוויין,
אויפ׳ן שול־בוידעם דער גולם ליגט אונטער שמות פאַרשמאַכט —

4

שטייט ער נישט אויפ׳ן הראַדשין אויבן אין שוואַרצן פּראַק,
דעם „דצ״כ עד״ש באח״ב” אונטער די צונג אונטערגעקלעבט,
מיט אַ שטיקל שמות פון אַן אַלטער הגדה אויפגעלעבט?
און איבער זיין קאָפּ די לבנה — דער בלאַנקער קלונג פון דער האַק!

אָ, גייט ער נישט הינטן גאָר אין אַלט־שטאָדט פון הויז צו הויז,
ליימיק־גולם׳דיק אַזוי ווי איינער פון שכל געריר ט?
און וווּ זיין פוס בלייבט שטיין איז די טיר בלוט שוין באַשמירט
און ער גייט און גייט אַן אויפהער אַזוי, גאַס איין און גאַס אויס.

אויסגעלאָשן פינסטער דער גאַנצער פאַרשוויגענער אַרום,
די לבנה אויבן אַזוי בלוטיק רויט, אַזוי געדראָלען גרויס,
נאָר אליהו שטייט באַהאַלטן אונטער יעדן יידישן הויז,
קוים וואָס ס׳איז צו הערן, אין זיין באָרד אַריין דאָס געברום:

באַלד וועט ער אָנקומען פון די קאַרפּאַטן בערג דער מהר״ל,
אָבער נישט מער מיט אַ גולם, מיט אַ שם אונטער דער צונג —
ער גופא, דער אַלטער־גרויער, וועט זיין שטאַרק און יונג!
און ער וועט טראָגן די שאַרפע האַק צו איר לעצטן פאַל — —

די הייליקער ווענצעסלאַוס, ביזט דאָך געווען שוואַך דערצו —
די צוועלף אַפּאָסטל זיינען ווידער אויפ׳ן ראַט־הויז אַרויס,
דערשראָקן בלייך זעען זיי אין׳ם לבנה־ליכט אויס,
ווי זיי וואָלטן זיך לאָזן איצט אַנטלויפן ערגעץ־ווו.



## היי־יאָר פּסח

אין די לייכטע לויע ווינטלעך, ווי אַלע יאָר,
ליגט אַ באַפרייטע די צעאָטעמטע ערד,
און די פולע לבנה צווישן די כמאַרעס
אַ שיסל צום סדר, וואָס געשייערט ווערט.

און די שטערן אַרום — די צעפונקלטע כוסות,
אָנגעגאָסן צו ווערן פולע מיט ווין — —
נאָר די גאַסן טרויעריקע צעשאָטנטע
איבערגייעדיק פון דערשטיקטן געוויין — —

ווי אַלע דורות ס׳מוז דער אומזעריקער
אָנגעזאָפּט ווערן מיט טרערן און מיט בלוט . . .
מיט לעבנס צערונענע אייביק צו בלייבן!
אָ, אַז דאָס אונזערע ס׳איז נאָך דאַצו גוט,

געליטערט געגוג און צעפונקלט גענוג — —
יאָ, ווי אין אַלע צייטן אויך אין אונזער צייט
מיט אונזער באַפרייאונג, מיט אונזער דערלייזונג
ס׳וועלן אַלע מענטשן ווערן באַפרייט.

* * *

„מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה?”

ניין, מיר זיינען נישט קיין הימלישע מלאכים,
צו זיין דאָס, איז אויך גאָר נישט אונזער פאַרלאַנג,
און ווען מיר דעם שונא איצטער בייקומען,
זיי וועלן אַליין זינגען דאָס שירה געזאַנג.

אין אונזער זידיקן בלוט אונז צו דערטרינקען,
פאַרגיסט ער עס איבער דער גאָרער גאַנצער וועלט!
און נישט נאָר אונז, און נישט נאָר אונזער בלוט — —
ס׳האָט דער שטן זיך אין אַ מענטש־געשטאַלט פאַרשטעלט.

אַן אויפברויזנדיקער ים, אַן אויפגעשוימטער,
אַז ס׳איבערגייט שוין יעדן מענשליכן פאַרשטאַנד:
אכזריות און רציחה און מאָרד און טויט
אויף לינקס, אויף רעכטס און ווו ס׳דערגרייכט נאָר זיין האַנט.

ניין, מיר זיינען נישט קיין הימלישע מלאכים,
צו זיין דאָס, איז אויך גאָרנישט אונזער פאַרלאַנג;
אָבער דער ים מיט שנאה צווישן מענטש און מענטש
ווי לאַנג וועט ער ברויזן אין שוימען, ווי לאַנג?

אַז דאָס גוטע איז מעכטיקער ווי דאָס שלעכטע —
אונזער נצחון איצט, דאָס וועט זיין דער באַווייז!

מיט דעם שונא דעם בלוטיק אכזריות׳דיקסטן
אויסגעראָטן עס זאָל דאָך שוין ווערן אַלדאָס בייז —
— — — — — — — — — — —

צווישן הימעל און ערד איבער דער גאַרער וועלט,
אַזאַ געוואַלטיקע פרייד ס׳וועט דאָס דעמאָלט זיין!
אַז מיר וועלן דעם שונא אַצינד בייקומען,
וועט שוין שירה זינגען כביכול אַליין — — —

## אזא שירה-ליד איצט

(צו דער „אינוואַזיע״)

אַקסל ביי אַקסל מיר שטייען צוזאַם
געגאַרטעלט, געקניפּט מיט פלאָטן, מיט שיפן;
ס׳גליצערט דער ים צעשטורעמט אַרום
נאָ־שטיך שוין געצויגענע באַיאָנעטן־שליפן.

שריט ביי שריט מיט קליגענדיקע שפּאָרן,
ווי אויף שוימענדיקע פערד אָנגעריטן,
קומען די כוואַליעס מיט ווילדע גאַלאָפּן,
מיט זייער געפּאַרסק דעם שונא צו פאַרשיטן —

אָן אָפענער קבר, אַ טיעף געגראָבענער,
ס׳שטייט גרייט דער תהום אים אָבצוואַרטן,
קיין תחית המתים נישט מער אויפצושטיין,
אונטער קאָפּיטעס אַ פגר אַ פאַרשאַרטן.

ווי ס׳איז אַ ברעג דאָ צו ערד, צו יבשה,
איז אַ ברעג דאָ צו מענטשליכער שנאה!
אַוועקגעשטעלטע ווי פעלזן מיר שטייען,
קיין ציטער געטון, נישט צומאָל מיט אַ מינע!

אים אַריבערצוגיין, ס׳וועט גליווערן דער ים
מיט ציטער מיט לעצטן פון זיין פאַרבלוטן — —
מיר שטייען דאָ, מיט אַלע אונזערע לעבנס,
די וועלט צו באַפרייען פונ׳ם נישט־גוטן.

אַקסל ביי אַקסל און מיט גאַנג פאָראויס —
אַ געפּאַנצערטע פלאָטע אַזאַ מיר זיינען!
באַשיצנדיק די היים — די וועלט מיר באַפרייען,
פון נויט, פון טויט און אכזריות׳דיקע פיינען.

יאָ, אים אַריבערצוגיין ס׳וועט גליצערן דער ים,
מיט באַפרייטע אין זייערע היימען צו ציען!
און אונזערע עראָפּלאַנען — די בשורות־טובן,
מיט שלום אַלע לענדער צו באַפליען — —